**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/22/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט גרויסארטיגע אינוועסטירונגען צו באקעמפן פארברעכן און האלטן ניו יארקער זיכער אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025

***העכערט קנסות פארן איבערפאלן ריטעיל געשעפט ארבייטער און שטעלט צו 40.2 מיליאן דאלאר פאר אינפארסירונג פון ריטעיל געשעפט גניבות***

***ברייטערט אויס סארטן פארברעכנס בארעכטיגט צו אנגעקלאגט ווערן אלס האסע פארברעכנס***

***טיילט צו 389 מיליאן דאלאר אין געציהלטע אינוועסטירונגען אין קאמיוניטיס צו רעדוצירן גאן פארברעכן***

***אינוועסטירט 40 מיליאן דאלאר צו שטיצן איבערלעבער פון אביוז אין די משפחה און פארשטערקערן קלאגעס***

***7.1 מיליאן דאלאר צו צוריקהאלטן מענטשן פון צוריקפאלן צו פארברעכן און פארבעסערן אויפזיכט דורכאויס פעראָול***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז גרויסארטיגע אינוועסטירונגען צו באקעמפן פארברעכן און האלטן ניו יארקער זיכער זענען אריינגעלייגט געווארן אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025. דאס רעכנט אריין פינאנצירונג זיך צו נעמען מיטן פולן קראפט קעגן ארגאניזירטע ריטעיל געשעפט גניבות, באקעמפן די שטייגנדע כוואליע פון האסע פארברעכנס, מאכן געציהלטע אינוועסטירונגען אין קאמיוניטיס צו פארמיידן גאן פארברעכן און אביוז אינדערהיים און צוריקהאלטן געוועזענע ארעסטירטע מענטשן פון צוריקפאלן צו פארברעכן און זיי בעסער צוריק איינגלידערן אין די געזעלשאפט אריבער ניו יארק סטעיט.

"פובליק זיכערהייט איז מיין הויפט פריאריטעט, און איך וועל נישט רוהען ביז יעדער איז זיכער און פילט זיך זיכער אין ניו יארק סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר האבן געהערט די רופן פון ריטעיל געשעפט ארבייטער און ביזנעס אייגנטימער, עלטערן און רעליגיעזע פירער, און די בודזשעט שיקט א קלארע מעסעדזש: מיר הערן אייך, און מיר וועלן טוהן אלעס אין אונזערע הענט אייך צו האלטן זיכער."

__זיך ארעפלאזן אויף ארגאניזירטע ריטעיל געשעפט גניבות__
די סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 רעכנט אריין גאווערנער האקול'ס פינף-נקודות'דיגע פלאן צו באקעמפן ארגאניזירטע ריטעיל געשעפט גניבות:

- **הארבער מאכן קרימינאלע שטראפן** פאר סיי ווער וואס פאלט איבער א ריטעיל געשעפט ארבעטער פון די שטאפל פון א 'מיסדימינער' צו א 'פעלאָני'. סיי וועלכער מענטש וואס פאראורזאכט פיזישע שאדן צו א ריטעיל געשעפט ארבעטער וואס טוט זייער דזשאב וועט קענען אנגעקלאגט ווערן פאר די נייע 'פעלאָני'.
- **ערלויבן פראקורארן צו צוזאמשטעלן די ווערט פון געגנב'טע פראדוקטן** ווען זיי גיבן אריין גניבה קלאגעס. די בודזשעט ערלויבט פאר ריטעיל פראדוקטן פון אנדערע געשעפטן צו צוזאמגערעכנט ווערן פאר די צוועק פון אנקומען צו א העכערע קאטעגאריע פון גניבה ווען זיי זענען געגנב'ט געווארן אונטער די זעלבע קרימינאלע פלאן.
- **דאס מאכן אומלעגאל צו ערמעגליכן דאס פארקויפן געגנב'טע פראדוקטן** זיך צו נעמען צו דריטע-פארטיי פארקויפער. א מענטש וועט געפונען ווערן שולדיג אויב זיי נוצן סיי וועלכע וועבזייטל אדער פיזישע לאקאציע צו אפפערן געגנב'טע פראדוקטן צו פארקויפט ווערן.
- **40.2 מיליאן דאלאר** פאר ספעציעלע ריטעיל געשעפט גניבות מאנשאפטן אינערהאלב די סטעיט פאליציי, דיסטריקט אטוירניס אפיסעס און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג, אריינרעכנענדיג 100 ניו יארק סטעיט פאליציי מיטגלידער באאויפטראגט צו באקעמפן ארגאניזירטע ריטעיל געשעפט גניבות.
- **א 5 מיליאן דאלארדיגע** טעקס קרעדיט צו העלפן קליינע ביזנעסער אינוועסטירן אין מער סעקיוריטי מאסנאמען ווי קאמעראס. כדי צו העלפן פארלייכטערן די לאסט אויף קליינע ביזנעסער פאר צוגעלייגטע סעקיוריטי מאסנאמען, שטעלט די בודזשעט אוועק א $3,000 טעקס קרעדיט, צו באקומען פאר סיי וועלכע ביזנעס מיט 50 ארבייטער אדער ווייניגער וואס גיבט אויס א באשטימטע סומע געלט אויף מאסנאמען צו פארמיידן ריטעיל געשעפט גניבות.

<u>**באקעמפן האסע פארברעכנס**</u>

די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פעלזן-פעסטע איבערגעגעבנקייט צו ברענגען אן ענדע צו די שטייגנדע כוואליע פון האסע אין ניו יארק סטעיט. נאכן צוזעהן שאקירנדע העכערונגען אין האסע פארברעכנס און זיך פארבינדן מיט אפעקטירטע קאמיוניטיס, האט גאווערנער האקול פארשפראכן צו אויסברייטערן די ליסטע פון פארברעכנס וואס וועלן אריינפאלן אונטער די קאטעגאריע. די בודזשעט לייגט צו 28 פארברעכנס וואס קענען אנגעקלאגט ווערן ווי האסע פארברעכנס און רעכנט אריין 35 מיליאן דאלאר פאר די 'פארזיכערן קאמיוניטיס קעגן האסע גרענט' (Securing Communities Against Hate Grant) צו באשיצן געבעט הייזער, רעליגיעזע סקולס און אנדערע פלעצער וואס זענען אין סכנה.

<u>**געציהלטע אינוועסטירונגען אין קאמיוניטיס צו פארמיידן גאן פארברעכן און אביוז אינדערהיים**</u>

כדי זיך צו קענען ספראווען מיט די פראבלעם פון גאן פארברעכן פארלאנגען זיך אויסערגעוועהנטליכע אינוועסטירונגען אין קאמיוניטי-באזירטע לייזונגען, און די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 זעצט פאר די היסטארישע אינוועסטירונג פון 347 מיליאן דאלאר צו רעדוצירן און פארמיידן גאן פארברעכן. זינט לעצטע יאר'ס פרעצעדענטלאזע שטאפל פון פינאנצירונג, זענען שיסעריי אינצידענטן אראפ מיט 38 פראצענט אין ניו יארק סיטי און מיט 35 פראצענט אין יוריסדיקציעס וואס באטייליגן זיך אין די 'גאן-פארמישטע געוואלדטאטן עלימינירונג' (Gun Involved Violence Elimination, GIVE) אינציאטיוו. די אינוועסטירונג וועט פארזעצן צו ערלויבן קאמיוניטיס, געזעץ אינפארסירונג און וואוילטעטיגע גרופעס צו אויסראטן גאן פארברעכן אין ניו יארק סטעיט.

גאווערנער האקול איז פארפליכטעט צו גיבן פאר געזעץ אינפארסירונג און דיסטריקט אטוירניס די כלים וואס זיי דארפן צו פארמיידן און ברענגען קלאגעס קעגן פארברעכנס פון אביוז אינדערהיים. די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 רעכנט אריין א סך הכל פון 40.8 מיליאן דאלאר צו רעדוצירן אביוז אינדערהיים און שטיצן קרבנות פון אביוז אינדערהיים. דאס רעכנט אריין 35.8 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר דיסטריקט אטוירניס צו אויפשטעלן און אויסברייטערן אביוז אינדערהיים איינהייטן און צו איינפירן שיטות

פון אינטערווענץ וואס ווערן געטריבן דורך די באווייזן, צענטרירן זיך ארום די איבערלעבער און רעכענען זיך מיט טראומע. דאס איז א רעקאמענדירטע סטאנדארט וואס שטיצט דאס זאמלען באווייזן און בויען א קשר מיט א קרבן בעפאר אן ארעסט ווערט געמאכט. די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 רעכנט אויך אריין 5 מיליאן דאלאר אין פארגעזעצטע אינוועסטירונג פאר קרבנות פון אביוז אינדערהיים צו דעקן אויסגאבן אין עמערדזשענסי מצבים.

**<u>צוריקהאלטן מענטשן פון צוריקפאלן צו פארברעכן און פארבעסערן אויפזיכט דורכאויס פעראָול</u>**
ארויפבויענדיג אויף רעפארמען ווי דער 'פרישע בלאט אקט' (Clean Slate Act), אונטערגעשריבן דורך גאווערנער האקול אין נאוועמבער פון 2023, טיילט די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 צו 7.1 מיליאן דאלאר צו צוריקהאלטן געוועזענע פארברעכער פון צוריקפאלן צו פארברעכן און זיי בעסער צוריק איינגלידערן אין די ארבעטסקראפט. די פינאנצירונג וועט גענוצט ווערן צו צושטעלן מער אינטענסיווע אויפזיכט איבער מענטשן אויף פעראָול, אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר צייטווייליגע אריבערגאנג הייזער, אויסברייטערן קאלעדזש פראגראמען צו אלע סטעיט טורמעס און צושטעלן טראנספארטאציע פאר באזיכער פון און צו סטעיט טורמעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן